**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/14/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול קומט ארויס מיט נייע פראגראמען צו מאכן ניו יארק די בעסטע, מערסטע אפאָרדעבעל פלאץ צו אויפשטעלן א פאמיליע**

***אומזיסטע מאמע געזונטהייט און נייגעבוירענע בעיבי געצייג פעקל פאר 100,000 בעיביס; סאמע ערשטע ניו יארק סטעיט BABY Benefit וועט שטיצן עלטערן מיט נידריגע איינקונפט***

***'ניו יארקע קאאליציע פאר טשיילד קעיר' וועט אויפקומען מיט פינאנצירונג סטראטעגיעס צו ארויפשטעלן ניו יארק אויפן וועג צו אוניווערסאלע טשיילד קעיר***

***אומזיסטע שולע פרישטאג און מיטאג פאר מער פון 2.7 מיליאן שילער***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט נייע אינציאטיוון צו מאכן ניו יארק פאר די בעסטע, מערסטע אפאָרדעבעל פלאץ צו אויפשטעלן א פאמיליע אלס טייל פון איר 2025 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע. די אינציאטיוון רעכענען אריין דאס אויסברייטערן צוטריט צו באהאנדלונגען פאר מענטשן וועלכע האבן פראבלעמען מיטן קענען האבן קינדער און ווילן אויפשטעלן א פאמיליע; צושטעלן באדייטנדע פינאנציעלע שטיצע פאר עלטערן דורכאויסן זיין טראגעדיג און ביים געבורט; און אויסברייטערונג פון דעם ספעציעלע סאפלעמענטעל נוטרישען פראגראם פאר פרויען, בעיביס און קינדער (Special Supplemental Nutrition Program for Women, Infants, and Children, WIC), אוועקשטעלנדיג ניו יארק אלס א פירערין אין איינשרייבונג אין WIC אריבער דאס לאנד; און עפענען א ספעציעלע וועבזייטל בלאט געווידמעט פאר מאטעריאלן און הילפס-מיטלען פאר עלטערן צו פארמערן צוגענגליכקייט צו וויכטיגע מיטלען.

"אלס ניו יארק'ס ערשטע גאווערנער וואס איז א מאמע, ווייס איך ערשטהאנטיג ווי שווער עס איז צו אויפשטעלן א פאמיליע", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "מיר לייגן פריאריטעט אויף די געזונטהייט פון מאמעס און בעיביס ווייל עס קומט זיך פאר יעדע פאמיליע צו האבן אן אנהויב פריי פון שוועריגקייטן. מיר האבן א מאראלישע פליכט צו טוהן אלעס וואס מיר קענען צו שטיצן קינדער, עלטערן און פאמיליעס — מאכנדיג ניו יארק פאר די בעסטע פלאץ אויפן וועלט צו אויפשטעלן א פאמיליע."

**גיבן בעיביס און עלטערן א גוטע אנהויב**

**אומזיסטע ווינדלען און אנדערע געצייג פאר 100,000 בעיביס**
גאווערנער Hochul (האקול) וועט אריינגיין אין א שותפות מיט Baby2Baby – א נאציאנאלע וואוילטעטיגע ארגאניזאציע וואס שטעלט צו וויכטיגע פראדוקטן פאר איין מיליאן קינדער וואס לעבן אין ארימקייט יערליך – צו שיקן מאמע געזונטהייט און בעיבי געצייג פעקלעך פאר אלע מאמעס וואס ערווארטן א קינד וואס זענען איינגעשריבן אין Medicaid און אויך אזעלכע צו וועם זיי קומען אן דורך קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס און שפיטעלער וועלכע באדינען געגנטער מיט נידריגערע איינקונפט.

די פעקלעך וועלן האבן הילפס-מיטלען, חינוך'דיגע מאטעריאלן, פערזענליכע קעיר פראדוקטן און ווינדלען. די פארשלאג איז געשאצט צו אנקומען צו די פאמיליעס פון אומגעפער 100,000 בעיבס ווען עס וועט פולשטענדיג איינגעפירט ווערן.

אין צוגאב וועט גאווערנער Hochul (האקול) צושטעלן מיליאנען ווינדלען פאר פאמיליעס מיט נידעריגע איינקונפט מיט די כוונה צו פארגרעסערן די צאל יעדעס יאר. גאווערנער Hochul (האקול) וועט אויך אויסברייטערן גייסטישע און עמאציאנאלע וואוילזיין סערוויסעס פאר מאמעס, און זי וועט ארויפבויען אויף פריערדיגע אינוועסטירונגען דורכן אריינשטעלן גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס אינעווייניג אין OBGYN קליניקס אין קאמיוניטיס אריבער ניו יארק סטעיט וואו די נויט דערפאר איז הויך.

**Baby2Baby קאָו-CEO's, Kelly Sawyer Patricof (קעלי סויער פעטריקאף) און Norah Weinstein (נארע וויינסטין), האבן געזאגט,** "מיר זענען אזוי שטאלץ צו אריינגיין אין א שותפות מיט ניו יארק סטעיט צו צושטעלן מיליאנען ווינדלען און קריטישע פראדוקטן פאר נויטבאדערפטיגע מאמעס און בעיביס. מיר באדינען שוין ניו יארקע פאמיליעס פאר מער פון צען יאר, און מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול)'ס מיטגעטיילטע איבערגעגעבנקייט צו מוטערליכע געזונטהייט, אונז ערלויבנדיג צו פארמערן אונזער שטיצע און אנקומען צו די שוואכסטע פאמיליעס מיט די יסודות'דיגע סופלייס וואס זיי דארפן און וואס קומען זיך זיי."

**אוועקשטעלן א נייע בענעפיט פאר די ערשטע יאר נאכן געבורט ( Birth Allowance for (Beginning Year, BABY**
ארויפבויענדיג אויף גאווערנער Hochul (האקול)'ס רעפוטאציע פון שטיצן טראגעדיגע פרויען, נייע עלטערן און בעיביס, וועט גאווערנער Hochul (האקול) פאראויס שטופן נאך א לאנד'ס-פירנדע געזעץ פארשלאג צו פארבעסערן די געזונטהייט פון מאמעס און בעיביס דורכן גיבן א סומע געלט – די ניו יארק סטעיט BABY Benefit – פאר עלטערן מיט נידעריגע איינקונפט דורכאויסן זיין טראגעדיג און ביים געבורט. כדי צו פארבעסערן די עקאנאמישע זיכערהייט פון טייל פון ניו יארק'ס הויזגעזינדער מיט די ווייניגסטע מיטלען, וועט גאווערנער Hochul (האקול) צושטעלן א בענעפיט פון 100$ פער חודש דורכאויסן זיין טראגעדיג און א בענעפיט פון 1,200$ ביים געבורט פאר ניו יארקער וועלכע באקומען רעגירונג — פארמערנדיג די הויגעזונד איינקונפט פאר טויזנטע ניו יארקע פאמיליעס.

דאס צושטעלן נאך שטיצע פאר טראגעדיגע פרויען און בעיביס איז א קריטישע כלי צו פארמינערן ארימקייט אין קינדער יארן, העלפנדיג פארזיכערן א בעסערע יסוד סיי פאר די עלטערן און סיי פארן קינד און מאכנדיג ניו יארק מער אפאָרדעבעל פאר ארבעטנדע פאמיליעס. אין צוגאב צום העכערן די הוצאות פון די הויזגעזונד, ברענגט די געבורט פון א קינד אפט אין די זעלבע צייט א צייטווייליגע רעדוקציע אין איינקונפט אזוי ווי די עלטערן נעמען צייט אוועק פון די ארבעט זיך צו אפגעבן מיט זייער בעיבי.

**פארברייטערן צוטריט צו באהאנדלונגען פאר מענטשן וועלכע האבן פראבלעמען מיטן קענען האבן קינדער**
איבער 10 פראצענט פון מענטשן אין די פאראייניגטע שטאטן וואס האבן די איברים צו האבן קינדער האבן פראבלעמען מיט די מעגליכקייט צו האבן קינדער, און כאטש עס זענען דא נייע באהאנדלונגען צו היטן אויף די מעגליכקייט צו האבן קינדער, איז די צוטריט צו די באהאנדלונגען אפט באגרעניצט און קאסט טייער. אנדערש ווי ניו יארקער מיט פריוואטע אינשורענס, האבן Medicaid מיטגלידער אין ניו יארק וועלכע גייען אריבער באהאנדלונג פאר קענסער אדער אנדערע מעדיצינישע פראבלעמען נישט קיין דעקונג פאר סערוויסעס וואס היטן אויף די מעגליכקייט צו האבן קינדער, און דערפאר מוזן זיי באצאלן פון זייער אייגענע טאש אדער בלייבן אן קעיר. זינט 2002 האט ניו יארק געשטיצט א באהאנדלונגען צוריקצאלונג פראגראם (Infertility Reimbursement Program) געציהלט צו העלפן פאציענטן אן

אינשורענס זיך צו ערלויבן אזעלכע באהאנדלונגען צו היטן אויף די מעגליכקייט צו האבן קינדער. די ענגע קריטעריאנען צו זיין בארעכטיגט פאר דעם פראגראם שליסן אבער אויס פילע פאציענטן וועלכע וואלטן געקענט בענעפיטירן דערפון.
גאווערנער Hochul (האקול) וועט פארשלאגן א נייער געזעץ צו צושטעלן דעקונג פאר סערוויסעס צו היטן אויף די מעגליכקייט צו האבן קינדער פאר Medicaid מיטגלידער וואס גייען אריבער מעדיצינישע באהאנדלונגען וועלכע קענען פירן צו פארלירן די מעגליכקייט צו האבן קינדער, און אזוי אויך צו אויסברייטערן די בארעכטיגונג פאר די סטעיט'ס באהאנדלונגען צוריקצאלונג פראגראם, זיכער מאכנדיג אז מער ניו יארקער קענען פארווירקליכן זייערע טרוימען פון אויפשטעלן א פאמיליע, אפגעזעהן פון זייער איינקונפט אדער מעדיצינישע הונטערגרונט.

**אוועקשטעלן עלטערן צוזאמענארבעט פראיעקט (Parent Partnership Project)**
צופיל פאמיליעס פארלאזן די שפיטאל מיט א נייע בעיבי אן וויסן איבער די הילפס-מיטלען און אינפארמאציע שטיצע וואס זענען דא צו באקומען פאר זיי. 'עס פעהלט זיך אויס א גאנצע שטעטל צו אויפציהען א קינד', און דאס העלפן עלטערן בעסער פארשטיין די ברייטע רייע פון סטעיט שטיצע וואס איז דא פאר זיי צו באקומען – פון טשיילד קעיר סאָבסידיס ביז היים באזוך סערוויסעס – וועט פירן צו בעסערע תוצאות פאר קינדער. גאווערנער Hochul (האקול) וועט עפענען א עלטערן מיטלען צענטער וועבזייטל בלאט; גיבן אינפארמאציע איבער קינדער אנטוויקלונג און גרייטקייט פאר שולע; ארבעטן בשותפות מיט OBGYN און קינדער דאקטאר אפיסעס אריבער די סטעיט צו גיבן פאר פאמיליעס אינפארמאציע איבער סטעיט מיטלען; און ארויסקומען מיט א דרויסנדיגע חינוך פראגראם אין סטעיט פארקס אין זומער פון 2025.

**פארבעסערן צוטריט צו אפּאָרדעבעל טשיילד קעיר**

**צושטעלן אינפראסטרוקטורישע גרענטס פאר טשיילד קעיר פּראָווײדערס**
כדי צו ארויסהעלפן טשיילד קעיר פּראָווײדערס צו עפענען נייע זיצן און באדינען נאך קינדער, וועט גאווערנער Hochul (האקול) צושטעלן 100 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטורישע גרענטס פאר טשיילד קעיר פּראָווײדערס צו רענאווירן און בויען נייע טשיילד קעיר צענטערן, באזונדערס אין טשיילד קעיר 'מדבריות'. ווייטער, וועט 10 מיליאן דאלאר צוגעשטעלט ווערן פאר פאמיליע טשיילד קעיר פּראָווײדערס צו רענאווירן און פארערכטן זייערע היים-באזירטע פלעי גרופּ לאקאציעס.

**אוועקשטעלן א טשיילד קעיר 'שטעל-פארטרעטער טעלעפאן בוך'**
ארויפבויענדיג אויף די גאווערנער'ס שריט צו שטיצן ניו יארקע פאמיליעס אריבער די סטעיט, האט גאווערנער Hochul (האקול) פארגעשלאגן צו אוועקשטעלן א טשיילד קעיר "שטעל-פארטרעטער" טעלעפאן בוך — א ליסטע פון איבערגעקוקטע, פארטרויליכע פראפעסיאנאלן וועלכע קענען אראפקומען און זיכער מאכן אומגעשטערטע קעיר פאר פאמיליעס ווען געווענטליכע טשיילד קעיר איינגעשטעלטע קענען נישט אריינקומען צו די ארבעט.

**אויפשטעלן די ניו יארקע קאליציע פאר טשיילד קעיר**
די גאווערנער האט אויך פריער אנאנסירט איר כוונה צו אויפשטעלן די 'ניו יארקע קאאליציע פאר טשיילד קעיר' (New York Coalition for Child Care) — א באדייטנדע אונטערנעמונג וואס וועט אריינגעמען ניו יארק'ס ביזנעס פירער, לעיבאר יוניאנס, שטייער און איינקונפטן עקספערטן און טשיילד קעיר פּראָווײדערס צו טרעפן אן אנהאלטנדע מקור פון איינקונפט און פינאנצירונג צו צושטעלן אוניווערסאלע (פאר יעדן איינעם) טשיילד קעיר.

די גאווערנער'ס חזון איז צו אנקומען צו אוניווערסאלע טשיילד קעיר אין ניו יארק. כאטש גאווערנער Hochul (האקול) האט שוין גאר אסאך אויסגעברייטערט בארעכטיגונג פאר טשיילד קעיר הילף, און

כאטש איינשרייבונג אין ניו יארק'ס טשיילד קעיר הילף פראגראם ( Child Care Assistance Program, CCAP) איז דראמאטיש ארויף אין לויף פון די לעצטע יאר — דאך מוטשענען זיך פילע פאמיליעס – אריינרעכענענדיג די מיט איינקונפט וואס איז העכער פון די מאקסימום צו קענען זיין בארעכטיגט פאר CCAP – מיט די קאסטן פון קעיר. כדי צו לייזן די פראבלעם וועט די קאאליציע מאכן רעקאמענדאציעס פאר פינאנצירונג אויסברייטערונגען צו די עקזיסטירנדע טשיילד קעיר סאָבסידי סיסטעם בשעת'ן אויך בויען מער אפציעס צו רעדוצירן די טשיילד קעיר אויסגאבן פון די אייגענע טאש פאר ניו יארקער מיט מיטעלע און העכערע איינקונפט. פריער דעם חודש האט די טשיילד קעיר אוועילעביליטי איינהייט (Child Care Availability Task Force) רעקאמענדירט אז די סטעיט זאל אונטערנעמען שריט צו צושטעלן הילף פאר פאמיליעס וואס פארדינען מער פון די פעדעראלע מאקסימאלע איינקונפט – 85 פראצענט פון די סטעיט מיטלגארטיגע איינקונפט – און די ארבעט פון די קאאליציע וועט זיין צו טרעפן פינאנציעלע לייזונגען צו עררייכן די ציהל.

**עסנווארג און נערונג פאר נויטבאדערפטיגע ניו יארקער**

**דעקן די קאסטן פון אלע שולע מאלצייטן פאר איבער 2.7 מיליאן שילער**
די גאווערנער האט אויך פריער שוין אנאנסירט א היסטארישע אינציאטיוו צו זיכער מאכן אז יעדע איינע פון ניו יארק'ס איבער 2.7 מיליאן שילער קענען באקומען סיי פרישטאג און סיי מיטאג פאר אומזיסט אין שולע. די היסטארישע אינציאטיוו בויט ארויף אויף די גאווערנער'ס אפארדעביליטי אגענדע, און עס וועט העלפן איינשפארן געלט פאר עלטערן, אדרעסירן עסן אומזיכערהייט צווישן ניו יארקע קינדער און שאפן מער געלעגנהייטן פאר שילער צו מצליח זיין.

**אויסברייטערן צוטריט צו קריטישע נערונג פראגראמען פאר מאמעס און קינדער**
פאר מער פון פופציג יאר, איז דער ספעציעלע סאפּלעמענטעל נוּטרישען פראגראם פאר פרויען, בעיביס און קינדער געווען קריטיש ביים שטיצן און היטן אויף די געזונטהייט פון פרויען און קינדער. זינט 2020 איז דער פראגראם געוואקסן מיט נאענט צו 25 פראצענט, יעצט באדינענדיג איבער 445,000 איינגעשריבענע. כדי צו נאכקומען די וואקסנדע באדערפענישן, וועט גאווערנער Hochul (האקול) אויסברייטערן דעם פראגראם צו אנקומען צו 475,000 מענטשן, זיכער מאכנדיג אז זיי באקומען נארהאפטיגע עסנווארג און קריטישע סערוויסעס. די אינוועסטירונגען וועלן פארבעסערן די געזונטהייט און וואוילזיין פון נאך צענדליגע טויזנטע ניו יארקער און מאכן באדייטנדע פארשריט אין ריכטונג פון די סטעיט'ס ציהל צו ווערן א לאנד'ס פירערין אין איינשרייבונג אין WIC.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף ( Office of Temporary and Disability Assistance) קאמישאנער, Barbara C. Guinn (בארבארע סי. גווין), האט געזאגט,** "האבן א בעיבי איז א פריידיגע איבערלעבעניש, אבער עס קומט אויך מיט נייע אויסגאבן פאר פאמיליעס וואס קען זיין באזונדערס שווער פאר פאמיליעס וועלכע גייען שוין סיי ווי אריבער עקאנאמישע שוועריגקייטן. די אינציאטיוון וועלכע זענען אנאנסירט געווארן דורך גאווערנער Hochul (האקול) הייגט ברייטערן אסאך אויס די הילפס-מיטלען וועלכע זענען דא צו באקומען פאר נויטבאדערפטיגע פאמיליעס כדי זיי זאלן זיין בעסער אויסגעשטעלט צו קענען צושטעלן די באדערפענישן פון זייערע קינדער, עקאנאמיש און עמאציאנאל, און אוועקשטעלן א יסוד וואס וועט פארבעסערן די וואוילזיין פון די מאמע און די אנטוויקלונג פון דאס קינד. מיר באדאנקען די גאווערנער פארן אינוועסטירן אין קינדער און פאמיליעס אויף אן אופן וואס וועט פירן צו פארבעסערטע חינוך'דיגע, געזונטהייט און עקאנאמישע תוצאות פאר די קינדער."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס ( Office of Children and Family Services, OCFS) קאמישאנער, Dr. DaMia Harris-Madden (דר. דעמיע העריס-מעדען), האט געזאגט,** "יעדעס יאר איז די מאנגל אין טשיילד קעיר אריבער דאס לאנד פאראנטווארטליך פאר 122

ביליאן דאלאר אין פארלוירענע פארדינסטן, פראדוקטיווקייט און [שטייער] איינקונפט. דאס אינוועסטירן אין טשיילד קעיר אינפראסטרוקטור, שטיצן די טשיילד קעיר ארבעטסקראפט און אקטיוו ארבעטן בשותפות מיט די רעגירונג און פריוואטע סעקטארן וועלן ברענגען פאזיטיווע תוצאות פאר עלטערן און פראָווײדערס. צו האבן א רעגירונג וואס שטופט די טשיילד קעיר אגענדע פון פארשטערקערן און באַרייכערן טשיילד קעיר סערוויסעס פון א הויכע קוואליטעט מיט די ציהל צו אנקומען ביים ענדע צו אוניווערסאלע טשיילד קעיר — איז באגייסטערנד. גאווערנער Hochul (האקול)'ס לעצטע פארשלאגן צו פאראויס שטופן נייע סארטן שריט צו אדרעסירן די באדערפענישן פון קינדער און פאמיליעס אריבער ניו יארק שטרייכן אונטער איר פארפליכטונג צו פארזיכערן זיכערע און נערנדע אטמאספערעס און צו צושטעלן געלעגנהייטן וואס שטיצן פאזיטיווע יוגנט אנטוויקלונג פאר קינדער בשעת די עלטערן זענען ביים ארבעט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן